**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/28/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האוקול איבער האריקעין ׳איען׳**

״אזוי ווי האריקעין ׳איען׳ שטויסט זיך אן אין דעם פלארידע בארטן, שליס איך מיך אן מיט אלע ניו יארקער אין מתפלל זיין פאר די זיכערהייט און וואוילזיין פון יעדן יחיד אפעקטירט דורך דעם שרעקליכן שטורעם.

אויף ארויסצוהעלפן מיט פארלייכטערונג באמיאונגען, האב איך אנגעוויזן פאר׳ן ניו יארק ארמיי ׳נעשענעל גארד׳ (New York Army National Guard) צו שיקן צוויי CH-47F טשינוק שווערע אויפהייבונג העליקאפטערס און 11 סערוויס מיטגלידער צו העלפן דעם פלארידע ׳נעשענעל גאַרד׳ און צושטעלן לופטבריק שטיצע ווי נייטיג. זיי האבן זיך ארויסגעלאזט פון ארמיי אוויאציע שטיצע איינריכטונג 3 ביים פרעדעריק דאגלעס גרעיטער ראטשעסטער אינטערנאציאנאלע עירפארט און וועלן אנקומען אין דזשעקסאנוויל, פלארידע.

מיר זענען דאנקבאר די העלדישקייט פון די ניו יארקער, וועלכע רופן זיך אן צום פליכט אויפרוף, ווי אויך פאר די אויסגעצייכנטע באמיאונגען פון אלע ערשטע רעספאָנדערס וואס ארבעטן יעצט אויף צוצושטעלן שטיצן און הילף צו די איינוואוינער פון פלארידע. ניו יארק וועט זיך אלעמאל אויפשטעלן אויף צו העלפן אונזערס א שכן אין צייט פון נויט.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418